NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05022

UNZER GEZANG

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert & Joan Arnow
in memory of
Jack D. Weiler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונזער געזאנג

לידער זאמלונג פאר דער אידישער שול

ארויסגעגעבן פון די
אידישע פאָלקס שולן
בתי ספר עממיים יהודיים

מאנטרעאל
1929

אַ מתנה די שול קינדער

צום פופצן יאָריקן יוביליאום

פון די אידישע פאָלקס שולן

מ אָ נ ט ר ע א ל

9a „קענעדער אדלער" דרוקעריי

הקדמה

געזאנג איז היינט צו טאָג שוין אַן אנערקענטער און גלייכבארעכטיקטער לימוד אין אונזערע שולן. פילט זיך דערפאַר אזא שטאַרקער מאנגל אין אַ פּאַסיקן טעקסט בוך, וועלכער זאָל אוועקשטעלן דעם לימוד אויף א סיסטעמאַטישן באזיס.

דאָס פּאַרליגנדע ביכל איז אַ פּרואוו צו בּאַרעגטפערן די דאָזיקע נויט.

דאָס איז אַ געזאנג ביכל פאַר דער אידישער שול — פאַר די תלמידים פון אַלע קלאסן פון דער עלעמענטארער שול ווי אויך פון די העכערע דערציאונגס אנשטאַלטן, פאַר דער גראַדואירטער שול יוגנט און בּאַר דעם ברייטן שול קרייז, וואו אידיש געזאנג איז אַן ענין.

אין דעם ביכל זיינען אריין אַ גרויסע צאָל געקליבענע לידער פון דעם געזאנג רעפערטואַר פון די מאָנטרעאלער אידישע פאָלקס שולן און פון נאָך אייניקע עלטערע שולן איבערן לאנד. עס זיינען אויך אריין אַ גרויסע צאָל נייע לידער, וועלכע דארפן לויט דער מיינונג פון צוזאַמענשטעלער פון דער זאמלונג אריינגענומען ווערן אין דעם פּראָגראם פון דעם געזאנג לימוד.

דער אויסוואַל איז באַזירט אויף פופצן יאָר שול דערפארונג אויפן געביט פון אידישן שול געזאנג (אידישע און העברייאישע לידער), אויף אָנגעזאמלטער טראַדיציע און סענטימענטן און שליסלאַך געוויסערמאסן אויפן אינדיווידועלן געשמאק פון צוזאַמענשטעלער.

דאָס ביכל איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילונגען: 1) קינדער לידער; 2) נאַטור און יום טוב לידער; 3) ארבעטער און נאַציאָנאַלע לידער; 4) פאָלקס לידער; 5) לירישע לידער.

אין דער אָפּטיילונג פון קינדער לידער זיינען ניט אריין געוויסע פּאָפּולערע קינדער לידער, וועלכע זיינען געדרוקט אין די לערן ביכלאך, וואָס ווערן גענוצט אין די שולן. די צאָל העברייאישע לידער אין דער קינדער אָפּטיילונג איז גאָר קליין, ווייל

די גאָר יונגע קינדער לערנען די העברייאישע לידלאך אין קינ־דערגאָרטן און אין די אָנפאַנגער קלאַסן און זיי וועלן דאָס לידער ביכל גאָר ווייניק נוצן.

אין אַלע אָפּטיילונגען נאָך דער ערשטער זיינען פאַראַן לידער מיט אַן אינהאַלט צוגעפּאַסט צו די סאַמע עלטסטע תּלמידים און גראַדואירטע.

דער נאָמען פון מחבר ווערט אָנגעגעבן ביים טעקסט פון ליד, אויסער ביי אייניקע, וואָס מיר האָבן ליידער ניט געקענט גענוי פעסטשטעלן ווער דער מחבר איז.

מיר גיבן דאָ אַרויס בלויז די טעקסטן פון די לידער. אום צו פאַרלייכטערן לערער און סתם פאַראינטערעסירטע צו געפינען די נאָטן צו די לידער. ווערט אין אינהאַלט פאַרצייכניש אָנגעגעבן דער גענויער אָרט, וואו די נאָטן זיינען געדרוקט. אין פאַל ווען עס איז פאַראַן מער ווי איין מעלאָדיע, ווערן אָנגעגעבן אַלע אונז באַקאַנטע ווערסיעס. ביי אייניקע לידער ווערט ניט אָנגעגעבן דאָס אָרט, וואו די מוזיק געפינט זיך אָדער דערפאַר, ווייל די מוזיק איז נאָך ניט געדרוקט, אָדער ווייל מיר האָבען זי ניט געקענט גענוי לאָקאַליזירן.

„אונזער געזאַנג“ איז דער צווייטער פּרואוו פון די מאָנט־רעאַלער אידישע פאָלקס שולן אויף דעם געביט. דער ערשטער איז געמאַכט געוואָרן זומער 1925 מיט דעם אַרויסגעבן אַ מימעאָ־גראַפירטע לידער ביכל פאַרן געברויך פון די כאָר און קלוב מיט־גלידער פון די שולן.

דאָס פאָרליגנדע ביכל ווערט אַרויסגעגעבן פון די היגע אידישע פאָלקס שולן צו דער געלעגנהייט פון זייער פופצן יאָריקן יובילייאום.

דער צוזאַמענשטעלער דריקט דאָ אויס זיין דאַנק די חברים לערער מ. כ. פאָגעל און נח שטיין פון די פאָלקס שולן און חברה אסתר צוקער פון די היגע פּרץ שולן פאַר זייער מיטהילף אין דער אַרבעט און די חברים י. טאָרטשין און א. פּרנס פאַר זייער דער־מוטיקן און אַרויסהעלפן אין דעם אַרויסגעבן דאָס ביכל. דער האָלצשניט איז געצייכנט געוואָרן פון חבר לערער י. שיינבלום און אויסגעשניטן געוואָרן פון ח' מ. טראָסמאַן, פאַר וואָס אונזער האַרציקן דאַנק.

שלמה ווייסמאַן

ערשטע אָפּטיילונג

ד. ראַדין

מאַרש ליד

איינס, צוויי, דריי, פיר!
בראַווע יונגען זיינען מיר!
אַט אזוי און אַט אזוי
גייען מיר א מייל און צוויי.

איינס, צוויי, איינס, צוויי!
ווי סאָלדאַטן אין א ריי.
באַרג ארויף און באַרג אראָפּ,
בראַווע, שטאָלצע, הויך דעם קאָפּ.

מאַרש, מאַרש, ניט געטראַכט!
אונז דער וועג אַנטקעגן לאַכט.
און א ביימל פון דער זייט
שמייכלט: שלום, בראַווע לייט!

זינגט, זינגט אונזער ליד,
ווי מיר ווערן קיינמאָל מיד.
זאָל דורך באַרג און זאָל דורך טאָל
הילכן פריילאַך אונזער קול.

ז. וויינפער

איינס און צוויי

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
איינס און צוויי איז דריי.
זון באַהעלט אונזער וועלט —
לעבן איז כדאי.

זום זום זום? זום זום זום? —
פרעגט ביי מיר אַ פליג.
טראַ לאַ לאַ, טראַ לאַ לאַ, —
ענטפער איך צוריק.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
צוויי און צוויי איז פיר.
ווינטל בלאָזט אויפן גראָז
בלאָזט עס אויך אויף מיר.

טרי לי לי, טרי לי לי, —
זינגט אַ וואַסערפאַל.
בליאַסקעט, בלענדט, גליט און ברענט
איבער אים אַ שטראַל.

דריי און פיר, דריי און פיר,
פיר און פיר איז אַכט.
אויפן קאַרק פון אַ באַרג
האָט זיך ווער צעלאַכט.

כאַ כאַ כאַ! כאַ כאַ כאַ! —
ווער זשע לאַכט עס דאָרט?
כאַ כאַ כאַ! כאַ כאַ כאַ! —
מער דאָך ניט קיין וואָרט.

יצחק קאַצענעלזאָן

אונזער מאַרש

איינס און צוויי און דריי און פיר,
וואָס מיר זיינען — זיינען מיר!
כאָטש מיר זיינען יונג און קליין,
ווי די העלדן דאַרף מען גיין!

א פוס לעבן א פיסל,
און שטייפער אביסל!
שטראָם, שטאָלץ און זיכער,
די קעפּלאַך העכער!

פינף און זעקס און זיבן, אַכט —
נישט געוויינט און נישט געלאַכט.
נישט געשטאַנען, נאָר נישט שטיין,
נישט געלאָפן, גיין נאָר גיין!

מיר דאַרפן נישט פרעגן,
מיר וויסן די וועגן;
אין פריש גרינע פעלדער,
אין דונקעלע וועלדער!

ניין און צען, און עלף און צוועלף —
טרעפסט א פויער — זאָג: גאָט העלף!
טרעפסט א בלימל — זאָג אים: בלי!
טרעפסט א פויגל — זאָג אים: פלי!

מאַרש, מאַרש, געגאַנגען,
מיט פויק און געזאַנגען!
מיט פּענער, אוי פּענער!
וואָס קען שוין זיין שענער!

פאָלקס ליד

ציפּ, צאפּ, עמערל!

ציפּ, צאפּ, עמערל,
קום צו מיר אין קעמערל,
וועל איך דיר עפּעס ווייזן:
שיסאלאך פון אייזן,
בּיר אין די קריגאלאך,
קינדער אין די וויגאַלאַך
שרייען, ווי די ציגאַלאַך:
מאַמע, מאַמע!

פאָלקס ליד

פייגעלע, פייגעלע, פּי, פּי, פּי.

פייגעלע, פייגעלע,
— פּי, פּי פּי.
וואו איז דער טאטע?
— ניטאָ הי.
ווען וועט ער קומען?
— מאָרגן פרי.
וואָס וועט ער ברענגען?
— א פלעשעלע בּיר.
וואו וועט ער עס שטעלן?
— הינטער דער טיר.
מיט וואָס וועט ער עס צודעקן?
— מיט א שטיקל פּאפּיר.
ווער וועט עס טרינקען?
— איך מיט דיר.

שווים ליד

מיט די פיסלאך פלינק, פלינק
פון דעם בערגל שפרינג, שפרינג.
באַץ אַריין אין טייך.
באַץ, באַץ, באַץ אריין אין טייך.

און איך פּאַטש מיך, פּאַטש, פּאַטש,
מיט די הענטלאך קלאַטש, קלאַטש.
אין דעם וואַסער גלייך.
גלייך, גלייך, אין דעם וואסער גלייך.

און איך שווים, שווים, שווים, שווים,
ווי אַ פישל שטום, שטום.
און דאָס וואסער גלעט.
גלעט, גלעט, ווי א מאַמע גלעט.

ז. ווײנפּער

אַ געזאַנגל

קאָנט איר יאָ, צו קאָנט איר ניט,
זינגט מיט מיר דאָס לידל מיט:
טריי לי ליי, טריי לי ליי...
מיט אַ גראַם, צי אָן אַ גראַם,
זינגט נאָר, זינגט נאָר מיט א טעם:
טריי לי ליי, טריי לי ליי...

קלייבט אייך אוים נאָר, וואָס איר ווילט,
אַבי, קינדער, זייט ניט ווילד,
ווען מען זינגט טריי לי ליי...
מיט א גראַם, צי אָן אַ גראַם,
זינגען מוז מען מיט א טעם.

טריי לי ליי, טריי לי ליי
זינגט זשע זינגט: טריי לי ליי...
גראַמט זיך דאָך מיט סיי ווי סיי.
אוי ווי וואויל! אָט אזוי: טריי לי ליי...
פרעגט זשע, קינדער, ניט קיין שאלה,
זינגט זשע, קינדער, פריילאַך אַלע,
זייט ניט פויל! טריי לי ליי...

גאַלאָפּ!

האָפּ, האָפּ, האָפּ!
פערדל לויף גאַלאָפּ!
איבער שטאָק און איבער שטיינער,
נאָר צעבּרעך זיך ניט די בּיינער,
האָפּ, האָפּ, האָפּ!

האָפּ, האָפּ, האָפּ!
ווארף מיך ניט אראָפּ.
מער א שפרונג אַזאַ נישט גיב,
טו דאָס, פערדל, מיר צוליב,
ווארף מיך נישט אראָפּ!
האָפּ, האָפּ, האָפּ!
שטענדיק אין גאַלאָפּ.

טפּרר, טפּרר, היי!
שטיי שוין פערדל, שטיי!
איצטער זאַלסטו מער נישט לויפן,
בּאַלד וועל איך דיר האָבּער קויפן,
שטיי, שוין, פערדל, שטיי,
טפּרר, טפּרר, היי!

(פון דייטש)

יהואש

די בין

פון איר קליינעם קעמערל, זינגענדיק אַ זמרל,
קומט ארויס די גאָלדענע ריהרעוודיקע בין.

זעט זי וואו אַ בייטעלע, שפירט זי וואו אַ קוויטעלע,
שפּרייטנדיק די פליגאַלאַך, לאָזט זי זיך אהין.

זוכנדיק און שמעקנדיק, נישטערט, נישטערט לעקנדיק,
אונטער יעדן גרעזעלע, אונטער יעדן בלאַט.

נעמט זי נאָר וואָס וויכטיק איז, ריכטיק זיס און ציכטיק איז,
קלייבט זי אויס וואס גוט נאָר איז, מיידט זי אויס וואָס שאַדט

די ארבעט האָט פארמאטערט זי, פרייליך אָבער פלאַטערט זי,
מיט איר גרויסן אוצרל אין איר קליינעם הויז:—
ווען זי האָט געפונען שוין, וואָס זי דאַרף אין זונענשיין,
ארבעט זי אין פינסטערניש, דעם זיסן האָניק אויס.

פאָלקס ליד

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר ווייס ציגעלע.
דאָס ציגעלע ז׳געלאָפן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

וואס איז די בעסטע סחורה? —
יאנקעלע וועט לערנען תורה.
תורה וועט יאנקעלע לערנען.
ספרים וועט יאנקעלע שרייבן.
און א גוטער איד,
און א פרומער איד
וועט יאנקעלע בלייבן

מאני לייב

דער בלינדער

אין די וויגן וויינען קינדער,
וויגן מאמעס צו:
ליולינקע, ליו ליו!
מיט א טארבע גייט א בלינדער,
שלעפט זיך צו זיין רו.

קלאפט דער בלינדער אין א טויער,
איז דער טויער צו.
וויינט דער בלינדער אין זיין טרויער:
גאט, פארנעם כאטש דו!

און ביים טויער ליגט דער בלינדער,
דעקט די נאכט אים צו.
וויינען אין די וויגן קינדער,
וויגן מאמעס צו:
ליולינקע, ליו ליו!

אין שול אריין

קינדער, צייט אין שול שוין שנעלער!
ס'האָט שוין לאַנג געקרייט דער האָן,
און עס שיינט דער טאָג דער העלער—
גיכער, גיכער, טוט זיך אָן!

חיות, פייגאלאך זיך מיען,
און פון מענטשן קיינער רוט;
נאָך דעם האָניק בינען פליען,
יעדער, יעדער עפּעס טוט.

און עס פרייען זיך די פעלדער;
אויף דער לאַנקע שניידט מען היי;
און עס הערט זיך אין די וועלדער
דער געזאַנג פון סאָלאָוויי.

קיינער רוט ניט איצט, זייט זיכער,
אַלע אַרבעטן געשווינט.
גיכער, קינדער, צו די ביכער:
שלעכט צו זיין א פוילעם קינד.

ה. רויזנבלאַט

דער נייער זמן

הײדא, נו, צוריק אין חדר!
נאָר גענומען זיך געשמאַק
צו דעם לימוד, צו דעם אַלטן,
מיט דעם נוסח, מיט דעם קנאַק!

האָט איר, קינדער, ניט פארגעסן
און אַ ליכטל מיטגעבראכט?

אסיען, קליין זיינען די טעג שוין,
לערנען נעמט מען היינט ביינאכט.

צינדט זשע, קינדער, אן דאס ליכטל
און גענומען זיך געשמאק.
צו דעם לימוד צו דעם אלטן,
מיט דעם נוסח, מיט דעם קנאק.

לערנט, קינדערלאך, גאנץ תורה,
אירע סודות טיף און גרויס,
לערנט, לערנט, ליבע קינדער,
ביז דאס ליכטעלע גייט אויס...

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער,
שפילן מיר אין זאמד;
דאס איז אונזער וואוינונג
דאס איז אונזער לאנד.

שווארצע קארשן רייסן מיר,
רויטע לאזן מיר שטיין;
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאזן מיר גיין.

פאלקס ליד

שיין בין איך שיין

שיין בין איך שיין,
שיין איז מיין נאמען,

רעדט מען מיר שדוכים
מיט אלע רבנים.

רבנישע תורה
איז דאָך זייער גרויס,
בין איך בײ מיין מאמען
א ליכטיקע רויז.

א שיינע מיידעלע בין איך,
בלויע זעקאלאך טראָג איך,
געלט אין די טאַשן,
ווײַן אין די פלאַשן,
מעד אין די קריגאלאך,
קינדער אין די וויגאלאך,
שרייען ווי די ציגאלאך:
מע מע מע!

וואָס טויג אזוינע זאַכן?

פויגל, וואָס ניט זינגען
טראַ-לאַ-לאַ!
וואָס טויג אזוינע זאַכן?
וואָס טויג?
גלעקלאך, וואָס ניט קלינגען
דין-דין-דאָן!
וואָס טויג אזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

פערדלאך, וואס ניט שפרינגען
היפ-היפ-היפ-האָפ!

וואָס טויג אזוינע זאַכן ?
וואָס טויג ?

קינדער, וואס נית לאַכן
כאַ־כאַ־כאַ !
וואָס טויג אזוינע זאַכן ?
וואָס טויג ?

אַ רעדעלע

דריי זיך, דו רעדעלע,
דריי זיך, דו מילכעלע,
אַרבעטן פליסיק איז דאָך נית קיין שפילכעלע,
טראַ לאַ לאַ ! טראַ לאַ לאַ !

משה בראָדערזאָן

ציפּעלע

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרביסן זיך א ליפּעלע...
אַי, ציפּעלע, וואס וויינסטו —
אן עפּעלע — דאָס מיינסטו ?
אַי, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אז איך וויין ?

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרקניפּט דאָס מויל—א קניפּעלע...
— אַי, ציפּעלע, וואס וויינסטו ?
צוויי עפּלאַך — דאָס מיינסטו ?
אַי, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אז איך וויין ?

און ס׳טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאמען מיט איר צעפּעלע.
— אָי, ציפּעלע, וואס וויינסטו —
דריי עפּאַלאַך — דאָס מיינסטו?
—אָי, ניין, ניין, ניין!
איך וויל א קוש, נישט מיין!

פאָלקס ליד

שרהלע אין וואַלד

שרהלע ז׳אין וואלד אַוועק,
רייסן בּלומען א בּוקעט,
אין וואלד דאָס ווינטל בּלאָזט קיל,
ארום די בּיימער שוויינגן שטיל.

הערט שרהלע פון ווייט,
אַ קוקאַווקעלע זי שרייט,
ווענדט זיך שרהלע צו איר:
אַ בּקשהלע צו דיר.

הער נאָר פייגעלע דו אוים,
נאָר דעם אמת זאָג מיר אוים,
זאָג מיר פייגעלע דו מיין,
וויפל ווערט מיין לעבּן זיין?

הערט דאָס פייגעלע איר צו
און זי ענטפערט איר: קו!
אַכציק, ניינציק, הונדערט יאָר.
— איך דאַנק דיר פייגעלע בּיז גאָר!

פאָלקס ליד

זיצן, זיצן זיבן קינדער.

זיצן, זיצן זיבן קינדער
ביים קוואל און ברונען,
ביים קוואַל און ברונען.
זאָגט איינער צו דעם אַנדערן:

וואָלט מיין טאַטע קומען,
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ האָז,
וואָלט איך געשפּרונגען איבערן גראָז,
וואָלט מיר וואויל באַקומען!

זיצן, זיצן זיבן קינדער א.א.וו.
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בער,
וואָלט איך געשפּרונגען הין און הער,
וואָלט מיר וואויל באַקומען!

זיצן, זיצן זיבן קינדער א.א.וו.
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קאַץ,
וואָלט איך געשפּרונגען איבערן פּלאַץ,
וואָלט מיר וואויל באַקומען!

זיצן, זיצן זיבן קינדער א.א.וו.
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בין!
וואָלט איך געפלויגן אהער און אהין,
וואָלט מיר וואויל באַקומען!

פאָלקס ליד

אונזער משפחה

מיך רופט מען זלמן,
דער טאַטע הייסט קלמן,
דער ברודער הייסט זרח,
דער זיידע הייסט ברוך,
די מאַמע הייסט ביילע,
די שוועסטער הייסט קיילע,
דאָס פערדל הייסט סירקע,
דאָס קעצל הייסט מירקע,
די באָבע הייסט יאָכע —
די גאַנצע משפחה!

י. גויכבערג

דריי אינגאלאך

די מאַמע האָט דריי אינגאלאך,
דריי אינגאלאך געהאַט,
מיט ווייכע רויטע בעקאלאך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.
האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חיים שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מען זאָל אים קויפן שיך.
איך האָב אייך אָפּגענאַרט!
איך האָב געוואוסט — איר וואַרט.
דאָס דריטע קליינע אינגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דריי ניסאַלאַך
פון דעם יאריד געבראכט,
דריי גוטע פעטע ניסאלאך,
דריי ניסאלאך א פראַכט.
איז איינס געווען פאר בערעלען,
און איינס פאר חיים שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסעלע —
האָט זי געלאָזט פאר זיך.
איר וואונדערט זיך אביסל:
פארוואָס ניט מיר א ניסל?
ווייל ניסן, ניסן, ניסעלע —
דאָס דריטע, דאָס בין איך.

די מאַמע האָט אַהיים געבראַכט
צוויי ניסאַלאַך און מיך;
צוויי ניסאלאך פאר די ברידערלאך
און מיר — צוויי נייע שיך.

ביי דעם שטעטל

ביי דעם שטעטל שטייט א שטיבל
מיט א קליינעם דאַך,
און ארום דעם שטיבל וואקסן
ביימאלאך א סך.

און דער טאַטע מיט דער מאַמען,
הנהלע מיט מיר,
שוין א לאנגע צייט אינאיינעם
וואוינען אלע פיר.

און דער טאַטע אַרבעט, אַרבעט
אַלע יאָרן זיינע,
און ער קויפט אונז און ער ברענגט אונז
זאַכן שיינע, פיינע.

קויפט אַ פערדל וואָס עס הירזשעט,
מיטן נאָמען מוציק,
קויפט אַ הינטל וואָס ער האַווקעט
מיטן נאָמען צוציק.

ח. נ. ביאַליק

אונטער די גרינינקע ביימעלעך

אונטער די גרינינקע בוימאלאך
שפּילן זיך משהלאך, שלמהלאך;
ציצית, קאַפּאָטקאַלאַך, פּאַהלאַך,—
אידאלאך פריש פון די אייאַלאַך.
גופימלאך — שטרוי, רויך און פעדערלאך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גלידערלאך—
כאַפּן זיי אויף גרינגע ווינטאַלאַך
און עס צעטראָגן זיי פייגאלאך...

נאָר איין זאך פארמאָגן זיי — אייגאלאך,
די אויגן פאַרמאָגן צוויי פינטאַלאַך,
וואס גליען און פינקלען און טוקן זיך,
און עפּעס ווי נביאיש און וואונדערלאך
פארטראכטן זיך טיף און פארקוקן זיך
אויף נעכטיקע טעג און אויף פייגאלאך...
אוי, מיר זאָל זיין, אידישע קינדערלאך,
פאר אייערע כשרע אייגאלאך...

יהואש

ניט געשלאָפן, נאָר געוואכט...

אויפן קוימען, אויפן דאך
האלטן קליינע פייגלאך וואך,
מיט די אייגלאך ווינקען זיי,
פון לבנה טרינקען זיי.

אָט אזוי די גאנצע נאכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואכט;
ביז דער הימל צינדט זיך אָן,
ווי דער קאָם ביים רויטן האָן.
ביימער שטייען לעבן שליאך,
האָבן זיי אַזאַ מין שפראך:
ווייט א ווינטל — הוידען זיי,
גייט א רעגן — סודען זיי.
אָט אזוי די גאנצע נאַכט, א. א. וו.

ליגן גרילן גרין געקליידט,
פירן זיי אַ מין גערייד.

אין די גראָזן ווילן זיי,
מיט די צינגלאך פיילן זיי.
אָט אזוי די גאנצע נאַכט, א. א. וו.

זיצן זשאבעס ערגעץ וואו,
מאַכן זיי אן אויג ניט צו;
פאלט א שטערן — שלינגען זיי
און צוזאמען זינגען זיי.
אָט אזוי די גאנצע נאַכט, א. א. וו.

מאַני לייב

דאָס ליד פון ברויט

פאַר די הענטלאַך אין די רינגען,
קליינע שיינע קינדער זינגען:
„גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן!"
ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און ווי פּערל רעגן ריין,
טריף טראָפּ, טריף טראָפּ, הויבט אָן גיין.

נעמען זיך די פעלדער שפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן זאַנגען
אויף די פעלדער אויפגעגאַנגען.
הויבט אַ טוי אויף זיי אָן פאַלן,
וואַרימט זיי די זון מיט שטראַלן.
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, ריינעם גאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פון צווייטן שאַרפער, גרעסער.
שניידן שניטער, שניידן, זינגען,
אַזש די שאַרפע מעסער קלינגען,
אַזש די פעלדער, ווייט פאַרשטאַרבן,
אין דעם קאָרן, אין די גאַרבן.
לייגן זיי די סקירדעס אויס
ביז צום הימל הויך און גרויס.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן,
אין די מילן אויסצומאָלן.
הויבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן פליגל דרייען.
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסן מעל.

נעמט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט דעם גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלאַך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.
קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען צו די טישן.
עסן קינדער פרישן ברויט,
זיינען זיי געזונט און רויט.

לאה ק. האָפמאַן

וואו וואוינט די זון ?

אין וואלד צווישן בוימער
האָב איך די זון געזען;
זי איז געגאַנגען שלאָפן :
עס איז פאַרנאַכט געווען.

און איינמאָל, איך דערמאָן זיך,
איז זי אריין אין טאָל ;
און אויף א בארג א הויכן
איז זי אַרויף אַמאָל.

כ'האב אויך געזען, ווי זי איז
אמאל אין ים אריין,
האב איך געמיינט אויף זיכער,
איר היים מוז דארטן זיין.

און איך האב זיך געוואונדערט:
וואו קען זי וואוינען פארט,
אז אימער גייט זי שלאפן
אויף א נייעם ארט.

ה. גאלד

מיין מיל

אויפן בארג שטייט א מיל,
מאלט זי שטענדיק ווייצן מעל,
פארן פורן בארג ארויף — מיט ווייץ.
פארן פורן בארג אראפ — מיט מעל.
נאר שבת און יום טוב
שטייט שטיל די מיל.

קומט א פויגל פון וואלד ארויס,
עפנט די פליגל און שפרייט זיי אויס
איבער גאנצן בארג און איבער דער גאנצער
מיל גרויס.
און רופט און שרייט אויס:
מיין מיל! מיין מיל! מיין מיל! מיין מיל!

יהואש

דאָס ליד פון דער פראָש

געוועזן א פראָש אין א גרין סאמעט קלייד,
מיט א שירצל אַ ווייסן פון פאַרנט פארשפּרייט.

איר קאמער געפלאסטערט מיט גרינעם אאיר,
פון שטראַלן די פענסטער, פון וואסער די טיר.

האט געפינטלט די פראָש מיט די אייגאַלאך שמאָל:
ווער האט אזא מאַנטל און ווער אזא קול?

פון ברעג אינ׳ם טייך, און פון טייך אויפן ברעג,
א זונג און א שפרונג, אזוי גייען די טעג.

ביז געקומען א בושל א הויכער צוגיין,
די פיס ווי די שפּענער, דער שנאָבל ווי שטיין.

גענומען די פראָש מיטן גרין סאמעט קלייד,
און די קינדערלאך זיינע א סעודה געגרייט.

לוין קיפּנים

שיר הדגלים

נרימה רגל, נצעד אחת ושתים,
נרימה רגל, נלך לירושלים!
זוגות, זוגות, בגיל ושיר
נלך לירושלים העיר.

נניפה דגל — נצעד אחת ושתים
נניפה דגל — נלך לירושלים!
כל דגל לבן כחול,
אחד לימין, אחד לשמאל.

הנה השער — נצעד אחת ושתים.
הנה השער — נלך ירושלים.
הנה העיר, האח, האח!
ירושלים, שלום רב לך.

נח פינס

עת הביתה, עת

עת הביתה, ילדים, עת,
עת מבית הספר צאת.
הרבה, הרבה פה למדנו,
גם שחקנו, גם רקדנו;

עתה באה עת,
מבית הספר צאת!

עת מבית הספר צאת!
שם בבית כל העת
הורתנו האהובה
מחכה לנו עד נשובה.

חושו חושו צאת!
עת הביתה, עת

עת הביתה, ילדים, עת,
עת מבית הספר צאת!
שלום, שלום, לך מורנו!
שלום, שלום בית ספרנו!

עת הביתה, עת,
עד להתראות!

א. אברונין

שיר ערש

ממרומי שמי התכלת
יהל הירח,
רוך אורהו אל כל ילד
וילדה שולח.

נומי, ילדתי, בערש,
הרגעי ונומי,
עד יעיר אותך קו חרם
ויקרא לך: קומי!

משמים זך גפים
ידא כרוב אליך.
רון ירון לך בן שמים
ויגן עליך.

נומי ילדתי...

נח פינס

בחלומי

כל הלילה כרובי מעלה
עמדו סביב מטתי,
ומנגינה מאד עדינה
שרו לי בשנתי.

הם חבקוני גם נשקוני
בחבה על המצח:
„היה נא, ילד, טוב בחלד,
אָז נאהבך נצח!"

כן דברו וישוררו
עד אור יום הופיע;
אָז כולמו עפו למו
למרום הרקיע.

בעד חלוני אור אל עיני
שמש פז שולח;
ומשנתי הקיצותי
רענן, זך, שמח!

ברנשטיין

שיר הרועה

הלילה זה חלף,
צפרים נעורו;
התאדם השחר,
ופני מזרח אורו,
צאו אלי, צאני, צאו!
טרו טו טו! טרו טו טו!

כמעט קוי שמש,
בקדים יזרחו,
וכבר העת באה
ללכת לאחו!
לכו אחרי, צאני, לכו!
טרו טו טו! טרו טו טו!

נ. פינס

הפעמון

הפעמון מצלצל: זים, זים, זים —
עתה הביתה!
שלום למורה ולחברים, —
עתה הביתה!
מחר בבוקר לבית הספר, —
עתה הביתה!

יש"י אדלר

יום חופש

יום חופש לנו, יום טיול,
הוא יום שכולו טוב.
בסך נצא אל השדה,
נגיל, נשמח לרוב, לרוב.
שם התאספה כל החברה
לכבוד היום, יום הפגרא.
הו, האח! דיצה,
גילה, רנה, קפיצה!
הידד! הידד! דיצה,
גילה, רנה, קפיצה!

צווייטע אָפּטיילונג

יצחק קאַצענעלזאָן

פרילינג מאַרש

טראַ לאַ לאַ! טראַ לאַ לאַ
גייען מיר אינאיינעם,
גייען מיר שפּאַצירן פיין
אין אַ טאָג אַ שיינעם.

הויך דעם קאָפּ! גלייך דעם פוס!
ווער עס קען, זינגט אונטער!
טראַ לאַ לאַ! טראַ לאַ לאַ!
פריילאך זייט און מונטער!

טראַ לאַ לאַ! טראַ לאַ לאַ!
גייען מיר צוזאַמען;
גלאַנצן אונז די אייגאַלאַך
און די באַקן פלאַמען.

וואו אַהין? וואו אהין?
אין דעם גרינעם גאָרטן;
בליען דאָרטן בלימאַלאַך,
ביימער וואַקסן דאָרטן.

פ. הירשביין

געפאַנגען

דער פרילינג געקומען, דער שניי איז צעגאנגען,
זיצט אין א שטייגל אַ פויגל געפאנגען.

עס קלינגען אויף די פעלדער דעם שניטערס געזאנגען,
זיצט אין א שטייגל אַ פויגל געפאנגען.

עס גלאנצן אויף פעלדער שוין גאָלדענע זאַנגען,
זיצט אין אַ שטייג אַ פויגל געפאנגען.

דער טאָג איז אוועק, די זון איז פאַרגאַנגען,
זיצט אין א שטייגל אַ פויגל געפאנגען.

די נאכט איז געקומען, די פענסטער פאַרהאַנגען,
זיצט אין א שטייגל אַ פויגל געפאנגען.

מ. ריוועסמאַן

אַ גרוס

איבער פעלדער פליט מיין ליד,
און דאָס האַרץ העלפט זינגען.
זאָל דאָס ליד ניט ווערן מיד
און אָן אויפהער קלינגען!

פאר דעם פרילינג קלינגט מיין ליד,
יעדער הערן זאָל אים.
און דער רויז זאָל ער פון מיר
אָפּגעבן „שלום”.

מ. ריוועסמאַן

שיין פייגעלע, דו זינג

שיין פייגעלע, דו זינג,
שיין פייגעלע, דו קלינג,
עס וואַרימט דיין ליד די נשמה!
דו האָסט מיך דערקוויקט,
דו האָסט מיך באַגליקט,
דו שענקסט מיר אַ ליכט, אַ נחמה!

מ. ריוועסמאַן

דאָס מאַי גלעקל

עס קלינגט דאָס מאַי גלעקל אין טאָל
און רופט צענויף די פריינט,
און יעדע שמעקעדיקע בלום
וויל זינגען, טאַנצן היינט.

פון אַלע פאַרבן זיינען דאָ
די בלימאַלאַך אין פעלד:
ווייס, רויט און גרין און בלוי —
אַ לעבעדיקע וועלט.

דאָס מאַי גלעקל שפּילט אויף אַ טאַנץ —
מען טאַנצט זיך זייער פיין,
און די לבנה קוקט און קוועלט
און שיקט איר זילבער שיין.

אין כעס ווערט דער בייזער פראָסט
און לאָזט זיך גיין אין טאָל,
די בלומען טאַנצן שוין ניט מער,
מען הערט ניט זייער קול!

נאָר אַט איז שוין דער פראָסט אַוועק,
דאָס מאַי גלעקל רופט גיך,
רופט אויף אַ פרילינג באַל אין טאָל
די בלימאַלאַך צו זיך,
עס קומט דער פרילינג, און מיך ציט
פון שטוב אין גרינעם וואַלד,
די בלומען זינגען, טאַנצן דאָרט —
איך טאַנץ מיט זיי שוין באַלד!

מ. ריוועסמאַן

דער פרילינג איז דאָ

דער פרילינג איז דאָ
מיט בלומען באַשיינט,
דעם וועג פאַר די קינדער
פוצט ער אויס היינט!

עס שמעקן די בלומען
און פייגאַלאַך זינגען
מיר אַלע וועלען צוזאַמען זינגען,
פרייען זיך!

דעם הימל אַ דאַנק
שיקט זי אַ געשאַנק!
קום, פרילינג, צו אונז
און שענק אונז דיין ליכט!

מאַך שטאַרק די מענטשן,
מיט פרייד און האָפֿנונג
דיך וועלן בענטשן
נשמות גליקלאַכע דערפאַר.

לאה ק. האפמאן

אַ סדר חלום

ווי עס קומט צום סדר,
שלאָף איך אימער איין.
און איך קען ניט זען,
ווי עס קומט אריין
אליהו הנביא
אויסטרינקען דעם וויין.

ווי ניט איינצושלאָפן,
האָב איך אַלץ געטראַכט;
ביז די אויגן מיינע
האָבן זיך פאַרמאַכט,
און אַ שיינעם חלום
האָט מיר גאָט געבראַכט.

ס'איז די זון פאַרגאַנגען
פריער פאַר דער צייט.
און די נאַכט פאַרטריבן
ערגעץ זייער ווייט.
און איך האָב דערזען,
ווי משיח רייט.

שפּילט מען אין די גאַסן
פריילאַכע מוזיק.
שפּרינגען קליינע קינדער
אויף אַ שטראַלן שטריק.
און משיח פירט אונז
אויף אַ נייעם בריק.

דוד איינהאָרן

קאָרן שוועסטערלאך

קענט איר, קינדערלאך,
די קאָרן שוועסטערלאך?
זיי זיינען בלימאַלאך
אין פרייען פעלד:

עס גיבן בלאָאינקע,
עס גיבן רויטינקע,
אויך גיבן געלינקע,
ווי אייך געפעלט.

זיי וואקסן טויזנטער
אין אלע ווינקאלאך,
וואו זאַנגען וויגן זיך
און תבואה בליט;

גאָטס פעלד באקרוינען זיי
זיין ברויט באשיינען זיי,
און בליען לוסטיקע,
פון זון געהיט.

בלומען

פעלדער גרינעז, וועלדער רוישן,
גייען מיר מיט פולע קוישן,
בלומען אַן א שיער . . .
גייען מיר ארומגענומען,
און באקראַנצט מיט יונגע בלומען,
איז דעם בונטן ציר . . .

זינגען, שפּרינגען מיר און טאַנצן
און פון גליק די אויגן גלאַנצן
בלומענדיק און ריין!
ווער באַקראַנצט וויל זיין פון בלומען
זאָל צו אונז, צו אונז זאָל קומען,
קומען זאָל צוגיין!

מיר'ן אָפּגעבן אײַנגאַנצן!
און אין פעלדער ווייטער טאַנצן,
לאָזן ווייט זיך גיין,
לאָזן גיין זיך גיך, געשווינדער,
ווייל מיר זיינען אַלע קינדער —
בלימאַלאַך אליין!

אין קאָרנפעלד

א לעבן ווי אין קאָרנפעלד
געפינסט ניט ערגעץ אין דער וועלט,
ווי פול די פעלדער ברייט און ווייט,
מיט לוסט און טאַנץ און פרייליכקייט.

עס צווישערט פון דערפרי די גריל
און הערט ניט אויף איר לוסטיק שפּיל.
ווי גוט איז דאָ, ווי שיין, ווי פיין.
דאָ קריגסטו טוי און בלומען ווין.

דער זעלבער יום טוב אומעטום
וואָס כאַפּט דאָס גאַנצע פעלד ארום.
און ווער עס קומט, דער איז א גאַסט,
וואָס פרייט זיך מיט און טאַנצט און שפּאַסט.

ווי גייט עס אבער אין דער וועלט?
עס ווערט שוין רייף דאס קארנפעלד,
איז שוין האס שיינע הויז צעשטערט,
דאס פרייד און טאנץ שוין אויפגעהערט.
(פון דייטש)

א. רייזען

שבועות

נאך צוויגאלאך, קינדער, אין וואלד לאזט זיך גיין,
און פרייליך מיט לידער כסדר,
אזוי ווי עס וואלט אויף דער וועלט ניט געווען
קיין רבי, קיין קאנטשיק, קיין חדר.

נאך צווייגאלאך קינדער, נאך צווייגאלאך גייט
און פוצט אויס די ארימע שטיבלאך.
דער וואלד איז ניט ווייט, הינטערן שטעטל ער שטייט
און קוקט אזוי וואך, אזוי ליבלאך.

פארוואונדערט וועט ווערן דער אלטער וואלד:
וואס טוען דא אידישע קינדער?
דערציילט: „עס איז שבועות”, דערציילט עס אים באלד
און זאל אים ניט זיין צו קיין וואונדער...

און זאמט זיך וואס לענגער און רייסט וואס מער און,
ניט האט פאר די טאטעס קיין מורא:
היינט מעגט איר אין וואלד זיין, מ'וועט גארניט אייך טאן,
עס איז דאך לכבוד דער תורה.

ר. באַיאַרסקי

פלאַטערן בלעטער

עס פלאַטערן בלעטער
און פליגלאַך זשומען . . .
אַך, פריער צי שפּעטער —
דער הארבסט מוז דאָך קומען.
טראַ לאַ לאַ לאַ.

אוים פויגלשע טרעלן,
אוים בלומען און גראָזן.
און הארבסט ווינטן ווען
דעם זומער צעבלאָזן.
טראַ לאַ לאַ לאַ.

אָפּשייד ליד

ווי שיין געווען אין וואַלד און פעלד,
און ווי פאַרטרויערט איז איצט די וועלט.
אוועק די שיינע זומערדיקע טעג,
איצט קומען ליידן גאָר אָן א ברעג . . .

מיר האָבן נים געוואוסט פון לייד,
געטאַנצט אונטער בלעטער מיט פרייד,
און זיך געפרייט אין זונענשיין,
געזונגען, געשפרונגען אין דער וועלט אריין.

אָן זומער לעבען איז אונז שווער,
מיר האָבן שוין קיין היים נים מער,
מיר מוזן איצט פון דאַנען ציען
און אין א ווייטע וועלט פאַרפליען.

מאַרים ראָזנפעלד

יום כפור צו מנחה

יום כפּור צו מנחה, דער אומעט איז גרויס,
די ריינע נשמות ליכט גייען שוין אויס,
דער עולם איז מיד און פארחלשט און בלאַס;
דער חזן איז הייזעריק, שוואַך איז דער באַס.

די זינגערלאך לעכצן שוין אַלע נאָך רו;
אַ פּאָר תּפילות מער און דער מחזור איז צו,
עס בלאָזט דער בעל תקיעה: לשנה הבאה...
און פּוסט איז די שול — עס איז קיינער ניטאָ.

איך שטיי ביי דעם ארון קודש און טראַכט:
אַ, וואָס איז נאָכהער, ווען די שול איז פאַרמאַכט?

אברהם רייזען

אין סוכה

א סוכה א קליינע
פון ברעטלאך געמיינע
האָב איך קוים מיט צרות געמאַכט.
געדעקט דעם דאַך
מיט א ביסעלע סכך,
און איך זיץ דאָ סוכות ביינאַכט.

פון ווינט דעם קאַלטן,
וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטן,
מיין ליכטעלע לעשן זיך וויל.
דאָך מאַך איך מיר קידוש,
און זעט נאָר א חידוש:
מיין ליכטל ברענט רואיק און שטיל.

מ. ווארשאווסקי

שמחת תורה

קינדער, מיר האבן שמחת תורה,
שמחת תורה אויף דער גאנצער וועלט.
תורה איז די בעסטע סחורה, —
אזוי האט דער רבי מיט אונז געקנעלט.
אוי וויי, אוי אוי אוי!
פריילאך קינדער אט אזוי!
רענדלאך שיטן זיך פון די זעק!
פריילאך אן אן עק!

כאטש איך בין מיר אן ארים אידל,
און עס דארט מיר גוט דער מוח,
שמחת תורה זינג איך א לידל
און מאך א גוטע כוסה אויך.
אוי וויי, אוי אוי אוי א. א. וו.

דבורה גיב מיר די נייע קאפאטע,
איך וועל זי אנטאן טאקי אצינד,
איך וועל דיר זאגן, אלצדינג איז בלאטע,
אבי מען איז ברוך השם געזונט.
אוי וויי, אוי אוי אוי א. א. וו.

וואו איז בערל, וואו איז דוואסע?
רוף זיי אלע אין שטוב ארײַן -
די מומע סאסע, דעם פעטער יאסע,
זאלן זיי אלע פריילאך זיין.
אוי וויי, אוי אוי אוי א. א. וו.

אוי ווי דבורה, וואָס האָסטו מורא?
כ׳בין אַביסל פריילאַך, כ׳קען נישט שטיין? —
דבורהלעבן, אום שמחת תורה
ווער איז ניט פריילאַך, זאָג אַליין.
אוי ווי, אוי אוי אוי!...

משה בראָדערזאָן

שניי

פאַלן, פאַלן שנייאַלאַך!
שטערנדלאַך, קמיעלאַך.
— לאָמיר כאַפּן שטערן!
וואָס דערפון וועט ווערן?

פאַלן, פאַלן פליטערלאַך!
פאַלן ווייסע שפליטערלאַך!
ציטערן און גלאַנצן,
און מיר אַלע טאַנצן...

אויף די ברעמען — שנייאַלאַך!
אויף די שווארצע פאַהלאַך!
און ווי קינדער טרערן,
צעגייען אויף די שטערן!

ד. טשאַרני

דער ווינטער ז׳געקומען

דער ווינטער ז׳געקומען,
דער שניי שיט און שיט.
מיר זיצן אין צימער
און זינגען א ליד.

א ליד און א שפּיל
און א טענצל דערביי —
מיר פרייען זיך אלע,
ווי ס׳וואָלט געווען מאַי.

ס׳מעג שנייען און דרייען
אָן אויפהער אין גאַס,
דער ווינטער וועט זיין אונז
א טייערער גאַסט.

מ. ווארשאווסקי

דער ווינטער

אוי, העלפט מיר, קינדער, אונטער,
קיין כוחות איז ניטאָ.
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

ער פרעגט קיינעם קיין דעות,
ער קומט, ווי צו זיך אהיים,
מיט די ווייסע באָרד און פאות,
מיט דער ווייסער גרויסער ברעם.

דורך טאָל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד,
מיט זיך א בעזים טראָגט ער,
און קערט, און קערט און קערט.

מיט שניי געבעט די פעלדער,
פארפרוירן שטייט דער וואלד.
די פעלדער און די וועלדער
זיי ברומען: „קאלט... ס׳איז קאלט!״

אוי חנוכה

אוי חנוכה, אוי חנוכה, אַ יום טוב אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פריילאַכער, ניטאָ נאָך אַזוינער.
אַלע נאכט אין דריידל שפּילן מיר,
זודיק הייסע לאַטקעס עסן מיר,

געשווינדער, צינדט קינדער,
די דינינקע ליכטאלאך אָן.
זאָגט על הניסים, לויבט גאָט פאַר די ניסים,
קומט אַלע טאנצן אין קאָן.

יהודה האָט פאַרטריבן דעם שונא, דעם רוצח,
און האָט אין בית המקדש געזונגען למנצח,
די שטאָט ירושלים האָט ווידער אויפגעלעבט,
און צו א נייעם לעבן האָט יעדערער געשטרעבט.

געשווינדער, א.א.וו.

א. רייזען

חנוכה

„ברוך אתה",
זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט,
און די שטראַלן
מילדע פאַלן
אויף זיין בלאַס געזיכט.

און א פייער
הייליק טייער
אין די אויגן לייכט.

אוּן דער מידער
מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלייכט.

אוּן עס דאכט זיך,
אוּן עס טראכט זיך:
ס'איז נאָך עפּעס דאָ.
ס'איז געבליבּן,
וואָס צוּ ליבּן —
הייליק איז די שעה!

אלטע קלאנגען
לאנג פארגאנגען —
ניין! עס קלינגט נאָך 'צינד.
זינג מיר, טאטע,
„בּרוּך אתה”,
אוּן איך בּלייבּ דיין קינד.

מ. ראָזנפעלד

אָ, איר קליינע ליכטאלאַך

אָ, איר קליינע ליכטאלאַך!
איר דערציילט געשיכטאלאַך,
מעשהלאַך אָן אַ צאָל;
איר דערציילט פוּן בּלוּטיקייט,
בּריהשאפט אוּן מוּטיקייט,
וואוּנדער פוּן אַמאָל.

ווען איך זע אייך שמינקלענדיק,
קומט אַ חלום פינקלענדיק,
רעדט אַן אַלטער טרוים:
איד! דו האָסט געקריגט אַמאָל,
איד! דו האָסט געזיגט אַמאָל.
גאָט, דאָס גלויבט זיך קוים!

אַ, איר קליינע ליכטאַלאַך!
אייערע געשיכטאַלאַך
וועקן אויף מיין פיין:
טיף אין האַרץ באַוועגט עס זיך,
און מיט טרערן פרעגט עס זיך:
וואָס וועט איצטער זיין?

מ. ריװעסמאַן

פורים

היינט איז פורים, ברידער,
ס׳איז דער יום טוב גרויס!
לאָמיר זינגען לידער,
גיין פון הויז צו הויז.

לאך מרדכילע, לאך,
אַ יום טובל מאַך!
קינדס קינדער געדענקען דעם נס.
זינגט, ברידערלאך, זינגט,
טאַנצט פרייליך און שפרינגט,
דעם טייערן טאָג ניט פאַרגעסט.
היינט איז פורים, א.א.וו.

. קאַצענעלסאָן

מאָטל קונדס

היינט איז פורים, בין איך פריילאך;
זעט אַן אויסזען, קוקט א הולך,
אויפֿן קאָפּ טראָג איך אַ קאַסקע,
און דאָס פּנים אין אַ מאַסקע.

רופֿט מיך אָן מיט יעדן נאָמען:
מרדכי, אסתּר — נאָר נישט המן,
זאָגט, ווער בין איך, אדרבא?
צי אַ זיידע, צי אַ באָבע?

אפשר בין איך אַלע ביידע,
אי די באָבע, אי דער זיידע.
זאָגט נאָר דאָס, וואָס אָן אַ גרונד איז,
נישט דערמאָנט נאָר מאָטל קונדס...

משה בראָדערזאָן

שבת צו נאַכטס

קלינגען גלעקער, קלינגען גלאָקן —
בים און באָם;
זינגט דער זיידע, זינגט דער זקן —
בים און באָם!
זינקען שטראַלן, פֿאַלן, פֿאַלן —
פֿלים און פֿלאַם;
זאָגט די באָבע שיינע דאָבע:
„גאָט פֿון אברהם"...

— א גוטע וואָך דער וועלט דער גאַנצער
א גוטע וואָך!
טאַטע, נאָך הבדלה ווײַן, א
ביסל נאָך!
מאַמע, מאָרגן ווײַטער זאָרגן —
אין דער קראָם?...
קלינגען גלעקער, קלינגען גלאָקן —
בים און באָם.

י. אדלער

שבת בין השמשות

עס גייט שוין אוועק זיך,
דער הייליקער שבת;
אין שטיבל ווערט פינסטער,
אין שטיבל ווערט שטיל.
עס שעפּטשעט די מאַמע:
אָך, גאָט פון אברהם —
זי שעפּטשעט די תפילה
מיט האַרץ און געפיל.

אָך, גאָט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב!
פאַרנעם דאָך מײַן תפילה
אין הימלס געצעלט.
און שיק מיר פּרנסה,
און ריכט אויף מײַן מזל,
און ליכטיק זאָל ווערן
מײַן פינסטערע וועלט.

נח פינס

באביב

חלפה, חלפה עת הסתו,
ולארצנו אביב שב;
אין עוד חשך, אין עוד קור —
שמש אביב יפיץ אור.

שמש אביב יפיץ אור,
יצלצל סביב קול הדרור,
ובכר בין פרחי חן
ששים רצים עדרי צאן.

ששים רצים עדרי צאן
לחליל רועם הקטון,
ובגיל יקראו זה לזה:
ברוך אביב! מה מה מה!

צאו גם, בני, חוץ לעיר,
רוצו, דוצו, זמרו שיר —
עת לכל, יש עת ללמוד,
עתה תוכלו מעט לרקוד!

הו צלצלו במצלתים!

הו צלצלו במצלתים,
הילדים, ושאו רן;
וצאו במחול מחנים
למעגל, ילדות חן!

תנו זה אל זה ידים
וצאו לשיש בכר —
הו צלצלו במצלתים:
בא קץ החורף כבר!

ז. שניאור

אליהו הנביא

יש לנו אב זקן, בנים,
עיניו כוכבי אורים.
לבנת זקנו על מדותיו
יורדה גלים צחורים.

הוא אליהו שעלה
ברכב לשחקים,
ומני אז הוא טס ובא
אלינו לפרקים.

בליל הסדר עת פותחים
הדלת רגע קט,
עטוף אדרת יכנם
זה הזקן בלאט.

פניו יפיקו חן והוד,
עיניו תבענה רז,
ומכוסו שתה ישתה
ויברכנו אָז.

ר' יהודה הלוי

שיר הגאולה

יום ליבשה נהפכו מצולים,
שירה חדשה שבחו גאולים.

הטבעת בתרמית רגלי בת ענמית,
יפעמי שולמית יפו בנעלים.

דגלי כן תרים על הנשארים
ותלקט נפזרים כמלקט שבלים.

ושוב שנית לקדשה ואל תוסיף לגרשה
והעלה אור שמשה ונסו הצללים.

ידידים רוממוך, בשירה קדמוך:
מי כמוך אדוני באלים!

ש. טשרניכובסקי

יפה החמה

יפה החמה בצהרים,
יפה החמה בין הערבים.
אולם בבוקר יפתה כפלים.

כחולים ההרים, מאירים שמים,
צפור מרננה בין העפאים.
השכם בבוקר, קומה, בן נעים.

הידד

הידד הידד גנה קטנה
שלום, שלום לך, רעננה.
את העצים כסו עלים
ובפרחים ירדו טללים
הצפרים דאו, באו,
הן מספרות מה שראו,
מה ששמעו במרחקים,
בענפים הירקרקים.
הידד, הידד, גנה קטנה.

חג השבועות

חג השבועות, חג התורה,
אני חכיתי לו זה כמה.
בגדי יום טוב, פנים שמחים,
הכל מזהיר באור החמה.

על כל פתח סוף הנחל
ובכל בית זרי דושאים.
גם הזבובים חשים יום טוב
וזמזומם נעשה נעים.

ובביתנו הכל מזהיר,
הכל מבהיק יפה יפה,
אמא נתנה לי אגוזים
גם לחמניות וקפה.

ר' יהודה הלוי

אלי ציון

אלי ציון ועריה, כמו אשה בציריה,
וכבתולה חגורת שק עלי בעל נעוריה.
עלי ארמון אשר נטש באשמות צאן עדריה,
ועל ביאת מחרפי אל, בתוך מקדש חדריה.

עלי גלות משרתי אל, נעימי שיר זמריה,
ועל ביאת מחרפי אל, בתוך מקדש חדריה.
עלי טפי מלכיה, בני דוד גביריה,
ועל יפים אשר חשך, בעת סרו כתריה.

נח פינס

בבציר

שלום לך, גנתי,
ולכל עץ וסבך!
מה שונו פניך,
יד מי היתה בך?

פרחיך נבלו,
אין עלים על עץ,
שריך נדדו,
הבא לך הקץ?

אל נא, ילד חמד,
אל תחשוב כזאת!
עוד יבוא האביב,
המפליא עשות.

אז פרחי המתים,
יקומו משאול,
המזמרים ישובו
ובשיר יתנו קול.

לוין קיפנים

חנוכה

חנוכה, חנוכה!
חג יפה כל כך.
אור חביב מסביב,
גיל לילד רך.

חנוכה, חנוכה!
סביבון סוב סוב!
סוב סוב סוב, סוב סוב סוב
מה נעים וטוב!

חנוכה, חנוכה!
אין חלון בלי אש!
לביבות, סופגניות
בכל בית יש.

חנוכה, חנוכה!
חג חביב מאוד.
שירו נא, זמרו נא
וצאו לרקוד!

יצחק קצנלסון

לחמשה עשר בשבט

אל ארץ ישראל, אחותי הנאה,
אל ארץ ישראל נסעה!
בארץ ישראל השמש זורחת,
בארץ ישראל הגפן פורחת,
בארץ ישראל שם אור ושם חום!
האביב, האביב שם מתחיל היום —
בחמשה עשר לחודש שבט!
בחמשה עשר לחודש שבט!

אל ארץ ישראל, אחותי הנאה,
אל ארץ ישראל נסעה!
בארץ ישראל תצהלנה הבנות.
בארץ ישראל שם חג לאילנות,
בארץ ישראל שם אור... וכו'.

שושנת יעקב

שושנת יעקב צהלה ושמחה,
בראותם תכלת מרדכי.
תשועתם היית לנצח
ותפארתם בכל דור ודור.
להודיע שכל קוויך לא יבושו
ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך.

אָרור המן, אשר בקש לאבדי,
ארורה זרש, אשת מפחידי.

ברוך מרדכי, מרדכי היהודי.
ברוכה אסתר מגינה בעדי.
וגם חרבונה זכור לטוב.

מנוחה ושמחה

מנוחה ושמחה אור ליהודים,
יום שבתון, יום מחמדים,
שומריו וזוכריו המה מעידים,
כי לששה כל ברואים ועומדים:

שמי שמים, ארץ וימים,
כל צבא מרום, גבוהים ורמים,
תנין ואדם וחית ראמים,
כי ביה אדוני צור עולמים.

ח. נ. ביאליק

שבת המלכה

החמה מראש האילנות נסתלקה —
בואו ונצא לקראת שבת המלכה.
הנה היא יורדת, הקדושה, הברוכה,
ועמה מלאכים, צבא שלום ומנוחה.

קבלנו פני שבת ברננה ותפלה,
הביתה נשובה בלב מלא גילה.
שם ערוך השולחן, הנרות יאירו,
כל פנות הבית יזרחו, יזהירו.

שבי, זכה, עמנו, ובזיוך נא אורי,
לילה ויום — אחר תעבורי;
ואנחנו נכבדך בבגדי חמודות,
בזמירות ותפילות ובשלש סעודות.

החמה מראש האילנות נסתלקה —
בואו ונלוה את שבת המלכה.
צאתך לשלום, הקדושה, הזכה —
דעי, ששת ימים אל שובך נחכה...

דריטע אַפּטיילונג

בן אהוד (נאָך הערוועג)

און דו אַקערסט און דו זייסט

און דו אקערסט, און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נייסט,
און דו האמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

קלינג קלאַנג! קלינג קלאַנג!
קלאַפּט דער האמער מיט זיין געזאנג.
קלינג קלאַנג! קלינג קלאַנג!
צערייסט די קייטן פון שקלאַפן צוואַנג!

וועבסט דיין וועבשטול טאָג און נאכט,
גראַבסט אונז אייזן פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונז אריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.
קלינג קלאַנג, א.א.וו.

נאָר וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר וואו איז דיין יום טוב קלייד?
נאָר וואו איז דיין שאַרפער שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?
קלינג קלאַנג, א.א.וו.

מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט!
און דערקען דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל!
קלינג קלאַנג, א.א.וו.

א. רייזען

צום העמערל

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער א טשוועק נאָך אַ טשוועק.
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ,
נאָר צרות יאָ! לייד אָן אן עק.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באַלד צוועלף.
די אויגן זיי מאַכן זיך צו —
גיב כוח, אָ גאָטעניו, העלף.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך:
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גבירהטעס טאָכטערלס שיך.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס.
מיין איינציקער שפּייזער ביזטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס.

ש. הורוויטש

די נייטערקעס

אין א קליינעם שטיבעלע,
ביי א לאנגן טיש,
זיצן דארטן מיידאלאך
דרייען מיט די פיס.

דרייען די מאשינדאלאך
פון דער פרי ביז נאכט,
און אזוי ווערן טוצנוויז
העמדאלאך געמאכט.

העמדאלאך, איר ווייסינקע,
זאגט, וואס זענט איר בלאס?
מיידאלאך, איר שייניקע,
זאגט, וואס זענט איר נאס?

העמדאלאך און מיידאלאך
רעדן ניט קיין ווארט,
אויסער די מאשינדאלאך
הודזשען אימער פארט.

לעטישער ארבעטער מארש

ווער בראנעוועט און פיטערט?
ווער אקערט און ווער זייט?
ווער גראבט אין שאכט די קוילן?
ווער האמערט, שפינט און נייט?

ווער שאפט דעם רייכן אל'דאס גוטס
און האט קיין ברויט צו זאט?
דאס אלעס איז דער ארבעטס מאן,
דער פראלעטאריאט.

ווער האט זיך אויפגעהויבן,
וויל מער ניט זיין קיין קנעכט?
ווער קעמפט יעצט שטאלץ און מוטיק
פאר פרייהייט און פאר רעכט?

אויף וועמענס פלייצעס ליגט די ערד?
ווער שאפט מיט מארך און טאט?
דאס אלעס איז דער ארבעטס מאן,
דער פראלעטאריאט.

א. פעפער

ווער האט עס?

טוט א קוק אויפן שטיבל, וואס שיינט דארט ניט ווייט,
ווער האט עס געבויט, ווער האט עס?
ווער האט עס מיט ליים און מיט ציגל באנייט? —
א נאקעטער יונג פון די בלאטעס.

טוט א קוק אויפן פערדל, וואס טאנצט דארט אליין,
ווער האט עס געפאשעט, ווער האט עס?
ווער האט עס געמאכט אזוי יונג, אזוי ריין? —
א נאקעטער יונג פון די בלאטעס.

טוט א קוק אויפן ברויט, וואס איז היימיש און פריש,
ווער האט עס פארזייט, ווער האט עס?
ווער האט עס פון פעלדער געבראכט אויפן טיש? —
א נאקעטער יונג פון די בלאטעס.

איזיק פלאנטער

איך ליב די ארבעט

איך ליב די ארבעט אַז אַ שיעור
איך בין אַ קנעכט ביי איר...
און שטענדיק מונטער
אַז איך אַרבעט —
איז מיין גייסט געזונטער.
וועבן זיך געדאנקען
וועקן זיך פארלאנגען,
מישט זיך אוים מאשינען רויש
מיט הארציקע געזאנגען...
אַ וואַרף דעם קאָפּ, אַ וואַרף די האַנט.
די פּאַטליע האר, די ארבעט ברענט —
סאָפּעט ברוסט און אָטעמט פריי,
קלאַפּט דאָס הארץ אין קלאַפּעריי,
פון האמערס און מאשינען.
איך אַרבעט!
איך ליב די אַרבעט, א.א.וו.

א. רייזען

ארבעטס פאָלק

אָ, צו דיך, צו דיך, ארבעטס פאָלק,
אָ, צו דיך ווייט און לאנג.
וועק אויף אין גאס די טויבע לייט
מיט לידער און געזאנג.

גיי דורך די גאַס, גיי דורך דעם מאַרק,
באַוויַיז, ווי גרויס דו ביזט און שטאַרק.

אָ, צו דיך, צו דיך, אַרבעטס פֿאָלק,
און זינג און קלינג און רוף.
פֿון פֿילע שוואַכע מידע לייט
ווערט איין געזונטער גוף.
אַ גוף, וואָס קעמפֿט מיט נייער קראַפֿט,
און נייע לעבנס וועגן שאַפֿט.

אַרבעטער ברידער

אַרבעטער ברידער, דערהויבט זיך, דערוואַכט
און מאַכט צו די צרות, די צרות אַן ענד.
עס לייכט שוין אין מזרח, עס פֿאַרשווינדט די נאַכט,
עס עפֿנט די אויגן דער מאָרגן אין פּראַכט.
אָ, שנעלער דערהויבט זיך מיט שטורמישער מאַכט,
זאָל זיין צו די ליידן, די ליידן אַן עק.

דערהויבט זיך, איר מאַסן, אָט יעצט איז די צייט
באַפֿרייען דעם ברודער און זעלבסט זיין באַפֿרייט
און מאַכן אַן ענד צו דער נויט.
עס קלינגען די טאָלן, עס קלינגען די בערג :
אָ, אַרבעטער מאַסן דערוואַכט !
עס שמייכלט פֿון הימל די הערלאַכע זון :
אָ, אַרבעטער מאַסן דערוואַכט !

אינטערנאציאנאל

שטייט אויף איר אלע, ווער ווי שקלאפן,
פון הונגער אומעטום צעשפרייט!
דער קאמף — ער רופט אונז צו די וואפן
און שלאכט אונז פירן איז ער גרייט.

די וועלט פון גוואלדטאטן און ליידן
צעשטערן וועלן מיר און דאן —
פון פרייהייט, גלייכהייט א גן עדן
באשאפן וועט דער ארבעטסמאן.

דאס וועט זיין דער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייט:
מיט דעם אינטערנאציאנאל.
שטייט אויף, איר ארבעטס לייט!

ניין, קיינער וועט אונז ניט באפרייען!
ניט גאט אליין און ניט קיין העלד —
מיט אונזער אייגענעם כלי זין
א רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.

אראפ דער יאך! גענוג געליטן,
גענוג פארגאסן בלוט און שוויס,
צעבלאזט דעם פייער, לאמיר שמידן,
כל זמן דאס אייזן איז נאך הייס!
דאס וועט זיין דער לעצטער א.א.וו.

מנחם

מאַטאָ

מיר טראָגן אַ געזאַנג
און וועקן מיט זיין קלאַנג
אין בלוט אַ יונגן מוט,
אין האַרץ אַ גרויס פאַרלאַנג.
שטילע שטייען אויף
מיט נייעם לעבנס דראַנג
און גייען צו דער זון אַנטקעגן
מיט געזאַנג, מיט געזאַנג.
ביי די וועלכע שלאָפן שטיל,
וועקן מיר אַ שטאַרק געפיל:
צו אַ שיינעם לעבן דרייסטער גייט.
שטייט אויף, שטייט אויף, זייט געגרייט.

אין קוזשניע

אין דער קוזשניע ביי דעם פייער
שטייט דער שמידער און ער שמידט.
ער קלאַפּט דאָס אייזן, פונקען בייער פליען
און ער זינגט דערביי אַ ליד.

פון דער פרייהייט וואָס וועט קומען
זינגט ער מוטיק, זינגט ער הייס,
און ער שפּירט נים, ווי עס גיסט זיך
פון זיין פּנים טייכן שווייס.

שטארק באצויבערט פון דער פרייהייט,
זינגט ער ווייטער און עס קלינגט,
נאר דער האמער קלאפט נאך העכער,
און ער הערט ניט וואס ער זינגט.

„און די ערד באצירט מיט בלומען,״—
זינגט ער ווייטער אין זיין ליד.
אפגעקילט איז שוין דאס אייזן,
און ער קלאפט און ווערט ניט מיד.

ה. ד. נאמבערג

א וויג ליד

ס'לויפן, ס'יאגן שווארצע וואלקן,
ס'פייפט און ברומט דער ווינט —
פון סיבירען שיקט דיין טאטע
דיר א גרוס, מיין קינד.

נאר דער ווינט, ער ברענגט אונז גרוסן
פון דעם קאלטן לאנד;
דארטן שטייט ער, א לאפאטע
האלט ער אין דער האנט.

און ער גראבט אלץ טיפער, טיפער,
ווארפט די ערד ארויס;
ניט געזארגט דאך! פארן שקר
גראבט ער קברים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער,
פאַלט ער אויפֿן פעלד;
זאָרג ניט, קינד מיינס, דיך געבוירן
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן,
שלאָף זשע, שלאָף אַצינד:
זאָמל כּוחות פאַר דער צוקונפֿט,
זאָמל איינציק קינד.

מאַני לייב

שטילער, שטילער

שטילער, שטילער, באַהאַלט די טרערן,
גאָט, אונז אַלעמען באַהיט,
אַז זיי זאָלן נאָך דערהערן
אין דעם אויפֿגיין פֿון די שטערן
אונזער אַלעמענס געמיט. —
גאָט, אונז אַלעמען באַהיט!

שטילער, שטילער, באַהאַלט די טרערן,
גאָט, אונז אַלעמען באַהיט,
אַז זיי זאָלן נאָך דערהערן
אין דעם שיינען פֿון די שטערן
זיינע קומענדיקע טריט. —
גאָט, אונז אַלעמען באַהיט!

מאַרים ראָזנפעלד

פרייהייט סאָלדאַטן

מיר זיינען סאָלדאַטן אין פרייהייטס אַרמיי
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען.
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר וויי,
די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט באַפרייען.

באַגייסטערט מיט אמת, באַלאָדן מיט מאַכט,
מאַרשירן מיר געגן האַרמאַטן.
מיר קומען אין זונשיין פאַרוואַנדלען די נאַכט,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן.

